# עולת שבת בשבתו

## ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל ד׳סאטמאר

בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

פה ק״ק קרית יואל יצ״ו

בעזהשי״ת | פרשת ראה | כיתה ו׳ ז׳ תשע״א לפ״ק


## דורש טוב

### ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה:

דער בעלזער רב הגה״ק מהרי״ד זי״ע טייטשט: דאס ווארט "**וקללה**" איז די ר״ת **והקרן קיימת לו לעולם הבא**, אז אפילו עס איז דא אמאל וואס מען באקומט נישט קיין שכר אויף די וועלט, וועט דאס אבער דער באשעפער באצאלן אויף יענער וועלט.

דאס איז אויך פשט דא אין פסוק: **ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה**, דו וועסט באקומען דעם שכר פאר דיינע מצוות, און אויסער דעם **וקללה** וועט זיין **והקרן קיימת לו לעולם הבא**, אז דו וועסט באקומען דעם שכר אויף יענע וועלט.

### ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה:

דער **בעל הטורים** זאגט אז דאס ווארט **אנכי** גייט ארויף אויף **אנכי ה׳ אלקיך** וואס ס׳שטייט אין די עשרת הדברות.

קען זיין דער פשט, ווייל דער מדרש זאגט אז די אידן ווערן געשפייזט אויף דער וועלט נאר אין זכות פון "**אמונה**" וואס זיי גלייבן אין אויבערשטן. דאס קען זיין דער פשט אין

## ידיעות פון די וואך

## זאגן תחנון ביי הילולא פון צדיקים

ביי א **יארצייט** טאג פון א צדיק זאגט מען געהעריג תחנון, אויסער ווען מען מאכט א סיום און א סעודת מצוה לכבוד די **הילולא**.

איבער די וועלט איז זייער איינגעריסן דאס זיך פטר׳ן פון זאגן תחנון ביי יעדן יארצייט פון א צדיק, וואס האט נישט קיין מקור אין די הלכה, וועלן מיר דא מעתיק זיין עטליכע ציטאטן וואס דער **רבי מרן בעל דברי יואל זי״ע** האט געזאגט איבער דעם ענין וואס ווערט אראפגעברענגט אין ספר **מבער תורה ויראה** (ח״ג פרק ס״ד):

"דער רבי איז געווען זייער קעגן די וואס זוכן זיך צו פטר׳ן פון זאגן תחנון ביי יעדע געלעגנהייט, ווי ביי יארצייטן פון צדיקים וכדומה, אפילו ביי די יארצייט פון בארימטע צדיקים".

עס דערציילט א תלמיד אז אין טאג כ״א אדר תשי״א לפ״ק איז א בעל תפלה צוגעגאנגען צום עמוד אין רבי׳נס מנין, און ער האט געוואלט זאגן קדיש נאך די שמונה עשרה, האט דער רבי געזאגט "נו, תחנון" און מ׳האט טאקע געזאגט תחנון.

נאכן דאווענען האט דער רבי געזאגט ווערטלדיג "א שמחה א גדולה, דער רבי ר׳ אלימלך איז נישטא, מ׳זאגט נישט קיין תחנון".

האט זיך איינער אנגערופן צום רבי׳ן "פארוואס דעמאלטס זאגט מען נישט קיין תחנון ביים ייטב לב׳ס יארצייט? האט אים דער רבי געענטפערט "ווייל דעמאלטס

מאכט מען א סיום מסכת, ממילא איז דאס א שמחה זאגט מען נישט קיין תחנון, אבער אויסער א טאג וואס מען מאכט א סיום, איז נישטא קיין שום תירוץ פארוואס נישט צו זאגן קיין תחנון, אויסער ביים יארצייט פון **רבי'ן ר' מענדעלע רימאנאווער זי"ע** ל"ד בעומר זאגט מען נישט קיין תחנון"...

(צוליב דעם וואס עס געפאלט אין די וואך פון 'הוד')

א אנדערע מאל האט דער רבי געזאגט "מילא ביי א צווייטן צדיק'ס יארצייט אז מען זאגט נישט קיין תחנון, פארשטיי איך, ווייל אז מ'וועט יא זאגן וועט מען דאך מיינען אז ער איז נישט קיין צדיק, אבער ביים **רבי'ן רבי אלימלך** קען מען רואיג זאגן תחנון, קיינער וועט נישט חושד זיין אז מ'האלט אים נישט פאר א צדיק"...

ווען עמיצער האט געפרעגט דעם רבי'ן אויב מ'זאגט תחנון אין די שבעת ימי המילואים, פון **כ"ג אדר** ביז **ר"ח ניסן**, האט דער רבי גענטפערט "מ'איז זיך נוהג אז מען זאגט נישט"...

ווען דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל **בשנת תשכ"ה** האט ער געדאווענט שחרית אין בית המדרש, נאך די שמונה עשרה האט עמיצער א קלאפ געטוהן אין טיש, און דער בעל תפלה האט באלד געזאגט קדיש, נאכן דאווענען האט דער רבי געפרעגט פארוואס מען האט נישט געזאגט תחנון, האט מען גענטפערט אז ווען עס איז דא א יארצייט פון א צדיק קלאפט מען אויפן טיש פאר א סימן אז מ'זאגט נישט קיין תחנון.

האט זיך דער רבי אנגערופן "די גמרא זאגט **'גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתובה בתורה, זו מיתת צדיקים,** לכאורה פארוואס הייסט מיתת צדיקים א מכה אשר לא כתובה בתורה? נאר לענינינו קען זיין אז א מכה, א קלאפ אויפן טיש, אשר לא כתובה בתורה, וואס שטייט נישט אין די תורה און ס'איז נישט אויסגעהאלטן על פי הלכה, דאס איז מיתת צדיקים, אז מען זאגט נישט קיין תחנון ווען עס איז דא א יארצייט פון א צדיק"...

פסוק: **ראה "אנכי"** אין זכות פון **אנכי ה' אלקיך** וואס דאס איז אמונה, **נותן לפניכם היום ברכה,** גיב איך ענק ברכות פון אלעם גוטן.

## את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה':

דער הייליגער **דברי חיים דער צאנזער רב זי"ע** איז אמאל אריינגעקומען אין בית המדרש און ער האט געהערט ווי א איד זאגט ברכות השחר פאר זיך שטילערהייט, נישט געבענדיג קיין געלעגענהייט פאר אנדערע צו ענטפערן "אמן".

האט זיך דער הייליגער דברי חיים אנגערופן "עס שטייט אין פסוק **'את הברכה'** צו זאגן די ברכות **'אשר תשמעו'** גענוג הויך אז אנדערע זאלן הערן און קענען ענטפערן דערויף אמן, דאס איז אויך **'אל מצות ה''** א מצוה וואס א איד איז מחויב איינצוהאלטן.

## לא תקפוץ את ידך מאחיך האביון כי פתוח תפתח את ידך:

עס שטייט אין **מדרש** אז ווען א מענטש ווערט געבוירן זענען זיינע הענט פארמאכט, און ווען ער ווערט נפטר פון די וועט זענען זיינע הענט אפן, דער טעם דערפון איז, ווייל ווען א מענטש קומט אויף די וועלט מיינט ער אז ער וועט האלטן אינעווייניג דאס גאנצע געלט פון די וועלט, דערפאר מאכט ער שטארק צו די הענט, אבער ווען ער שטארבט דעמאלטס עפענט ער אויף די הענט צו ווייזן אז עס איז געבליבן ליידיג און מען נעמט זיך גארנישט מיט אויף יענע וועלט פון די נארישקייטן פון דער וועלט.

דאס איז דער פשט אין פסוק: **לא תקפוץ את ידך מאחיך האביון,** פארמאך נישט דיין האנט פון אן ארימאן, ווייל דער סוף וועט דאך סיי ווי זיין **כי פתוח תפתח את ידך** אז דו וועסט שטארבן מיט אפענע הענט און דו וועסט דיר גארנישט מיטנעמען, אויב אזוי לוינט זיך שוין יא צו געבן צדקה.

# שבת מברכים אלול

די קומענדיגע וואך דינסטאג און מיטוואך פרשת שופטים - איז **ראש חודש אלול**.

דער היינטיגער **שבת מברכים אלול**, האט אלע יארן פארגעשטעלט מיט זיך די ריכטיגע התחלה צו די הייליגע טעג, אנגעהויבן פון דעם שבת האבן אידישע קינדער זיך גענומען גרייטן מיט די נויטיגע הכנות, און צו פארמערן מיט תשובה, תפלה, וצדקה, כדי צו האבן מיט וואס צוגיין קעגן די ימים נוראים.

**ראה אנכי נותן לפניכם**

אין ספר **רביד הזהב** שטייט אז דאס ווארט **ראה** איז ראשי תיבות **ה**'תחלת **ר**'אש חודש **א**'לול, אז שב"ק ראה, שבת מברכים אלול איז די התחלה פון חודש אלול.

די טעג פון **חודש אלול** זענען ימי הרחמים והרצון פאר כלל ישראל, ווייל די 40 טעג פון ראש חודש ביז יום כיפור זענען געווען די צווייטע 40 טעג וואס משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל נאכן חטא העגל, און דעמאלטס האט דער אייבערשטער מוחל געווען פאר די אידן און געזאגט "סלחתי כדבריך". וועגן דעם זענען די פערציג טאג געבליבן אויף אייביג ימי רחמים ורצון.

אין חודש אלול פירט מען זיך צו לערנען אסאך מוסר, און מען מאכט זיך א חשבון הנפש, מען זוכט אויף יעדער איינער ביי זיך וואס עס איז נישט ווי עס דארף צו זיין אין זיינע מעשים און מידות, און מען זעט דאס צו פארריכטן.

בכלל, איז מען שטארק געווארענט אין יעדן ענין אז מען זאל ח"ו נישט זיין קיין מוסיף על הראשונות, צו זינדיגן מיט פרישע עבירות ח"ו, ובפרט **בענינים שבין אדם לחבירו** גיט מען זייער אכט נישט צו מצער זיין א חבר אדער טון פאר יענעם א שאדן, וואס דאס זענען פון די הארבסטע זאכן וואס אפילו יום כיפור איז נישט מכפר ביז ווען מען בעט איבער דעם חבר און ער איז מוחל מיטן גאנצן הארץ.

אנגעהויבן דעם צווייטן טאג ראש חודש אלול הייבט מען אן צו בלאזן **שופר**, איינע פון די טעמים איז טאקע ווייל בשעת ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל האט מען געבלאזן שופר אין גאנץ מחנה ישראל, כדי אידישע קינדער זאלן וויסן פונקטליך ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל, און עס זאל זיך נישט איבערחזר'ן דער ביטערער טעות אזוי ווי דאס ערשטע מאל, דעריבער איז געבליבן דער מנהג אז מען בלאזט שופר ראש חודש אלול (טור סי' תקפ"א).

דער טעם פארוואס מען בלאזט שופר א גאנץ חודש אלול, נישט נאר ראש חודש, איז דא 2 טעמים 1) כדי מעורר צו זיין צו תשובה, וואס דער קול שופר בלאזט און ערוועקט אידישע קינדער **"עורו ישנים משנתכם ונרדמים מתרדמתכם"**, 2) כדי צו פארמישן דעם שטן, אז ער זאל הערן בלאזן א גאנצן חודש און ער זאל נישט קענען וויסן ווען עס געפאלט ראש השנה, און קומען מקטרג זיין ח"ו אויף אידישע קינדער (טור סי' תקפ"א).

אין די הייליגע ספרים פון די **תלמידי בעל שם הקדוש זי"ע** ווערן געברענגט פארשידענע רמזים איבער די זמני התעוררות פון חודש אלול, און ווי דאס ווארט אלול ציילט אויף די געוואלדיגע הויכע זמנים פון די טעג.

**אלול:** איז ר"ת, ומל ה' אלקיך **את לבבך ואת לבב** זרעך, דאס איז טייטש אז השי"ת וועט אוועקנעמען דאס נארישקייט פון דיין הארץ ליב צו האבן השי"ת.

**אלול:** איז ראשי תיבות, **אני לדודי ודודי לי**, דאס הייסט אז איך דערנענטער זיך צום באשעפער און דער באשעפער **כביכול** (כביכול איז דער פשט ווען מען זאגט אויף הקב"ה אן אויסדריק וואס איז שייך ביי א מענטש) **דערנענטערט זיך צו מיר** (ב"ח).

**אלול:** איז ר"ת, **א**יש **ל**רעהו **ו**מתנות **ל**אביונים, א רמז אז אין חודש אלול זאל מען מרבה זיין מיט צדקה.

**אלול:** איז ר"ת, והאלקים **א**נה **ל**ידו ושמתי **ל**ך מקום, א רמז אז אפילו א איד איז נישט נתעורר געווארן צו תשובה, טרעפט השי"ת אין אים א פלאץ וואו אריינצוברענגען אן התעוררות צו תשובה אין חודש אלול (בני יששכר).

**אלול:** איז ר"ת, הנסתרות **ל**ה' **א**לקינו והנגלות **ל**נו, איז די כוונה אז דער עצם זמן תשובה פון חודש אלול **איז** מכפר אויף עבירות וואס מען ווייסט נישט אז מען האט געטוהן, אבער אויף די אנטפלעקטע עבירות וואס מיר ווייסן יא ליגט אויף אונז א פליכט תשובה צו טוהן דערויף (שער המלך פ"ו).

**אלול:** איז ר"ת, ואני **א**תנהלה **ל**אטי **ל**רגל המלאכה, איז דער פשט אז אויב הייבט מען אן תשובה טוהן צייטליך אנהייב חודש אלול, קען מען גיין צוביסלעך אזוי אז ווען מען וועט **אנקומען** ל"רגל" צום יו"ט סוכות מיט הושענא רבה, "המלאכה", וועט שוין זיין געענדיגט די גאנצע ארבעט, נישט ווי די וואס ווארטן מיטן תשובה טוהן אויף די לעצטע מינוט (שער המלך פ"ו).

**אלול:** איז ר"ת, **א**הוב **ל**מעלה **ו**נחמד **ל**מטה, א רמז אז מ'ברויך תשובה טוהן סיי אויף עבירות שבין אדם למקום, סיי אויף עבירות שבין אדם לחבירו (ראשית חכמה שער התשובה).

**אלול:** ר"ת ויאמרו **ל**אמר **א**שירה **ל**ה', א רמז אז מען דארף תהלים זאגן אין חודש **אלול** (ייטב לב).

**אלול:** איז סופי תיבות, **לא** יחל דברו ככל היוצא מפיו **יעשה**, א **רמז** אז ערב ראש השנה זאל מען מאכן התרת נדרים.

**החכם עיניו בראשו! א קלוגער ווארט נישט אויף די לעצטע מינוט!**

# דעם רבי'נס יארצייט!

די וואך ערב שבת **כ"ו מנחם אב**, געפאלט אויס די 32'סטע יארצייט פון כ"ק מרן רבינו הקדוש והטהור בעל **דברי יואל** זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

דער **רבי זי"ע** איז געבוירן געווארן ח"י טבת תרמ"ז לפ"ק, צו זיין פאטער הגה"ק רבי **חנני' יו"ט ליפא טייטלבוים** זי"ע אבד"ק סיגעט יצ"ו, בעמח"ס **קדושת יו"ט**. און צו זיין מוטער הרבנית הצדיקת **חנה** בת הגה"ק רבי **יואל אשכנזי** זצ"ל אבד"ק זלאטשוב יצ"ו, א זון פון הגה"ק רבי **משה דוד אשכנזי** זצ"ל אבד"ק טאלטשעווע יצ"ו בעמח"ס תולדות אדם.

דער **קדושת יום טוב** איז געווען א זון פון הגה"ק רבי **יקותיאל יודא טייטלבוים** זי"ע אבד"ק סיגעט, בעמח"ס ייטב לב. דער "**ייטב לב**" איז געווען א זון פון הגה"ק ר' **אלעזר ניסן טייטלבוים** זי"ע אב"ד דראביטש יצ"ו, בן מרן הגה"ק רבי **משה טייטלבוים** זי"ע, אבד"ק איהעל בעמח"ס **ישמח משה** זי"ע.

דער **ייטב לב** זי"ע איז געווען אן איידעם ביים טאלטשעווער רב הגה"ק רבי **משה דוד אשכנזי** זי"ע, און דער **קדושת יו"ט** איז געווען אן איידעם ביים פעטער דער זלאטשוב'ער רב.

דער **רבי זי"ע** איז געווען רב אין מערערע קהילות בישראל, ארשיווע, קראלי, **סאטמאר**, וואס על שמה איז דעם רבי'נס נאמען פארבליבן לדורות עולם "**דער סאטמארער רב**".

דער רבי האט געשריבן צוויי הייליגע ספרים פאר די וועלט צו באלייכטן די אויגן פון כלל ישראל אין די שווערע נסיונות פון די קליפה פון "ציונות". די הייליגע ספרים "**ויואל משה**" "**על הגאולה ועל התמורה**" דאס טוט ביזן היינטיגן טאג באשיינען דעם וועג פאר אלע ערליכע אידן וואו אימער די גאנצע וועלט.

אויסער דעם איז דעם רבי'נס חידושי תורה געדריקט געווארן אין מערערע ספרים וואס זענען - און טוען נאך ביזן היינטיגן טאג - ערשינען אויף די וועלט, און געפונען זיך אין יעדע ערליכע אידישע שטוב.

**כ"ו מנחם אב תשל"ט** לפ"ק איז דער רבי זי"ע נסתלק געווארן לגנ"מ, און דער הייליגער גוף איז נטמן געווארן אין די הייליגע שטאט קרית יואל.

(א מער לענגערע שילדערונג לכבוד די יומא דהילולא, אינעם גליון "אגרא דבי הילולא" כ"ו אב).

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו הוא ימליץ טוב בעדינו**